STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01386

# YEHIEL A. RAVITSH

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Joseph Meyerhoff Family Charitable Funds*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# יחיאל א. ראוויטש

א זאמלונג
פון אָפּשאַצונגען
און באַגריסונגען
פון זיינע פריינט

יאַנואַר, 1949
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניאַ

# פון ראַוויטש קאָמיטעט

דער ברענטש 933 א. ר. האָט באַשלאָסן צו באַערן יחיאל אברהם ראַוויטש. דעם פאָרזיצער פון ברענטש, מיט אַ דינער לכבוד זיין וואונדערבאַרער אַרבעט פאַרן ברענטש און פאַר אַלע אַרבעטן מיט וועלכע דער ברענטש איז געווען און איז איצטער פאַרבונדן.

ניט אַלעמאָל איז די פירערשאַפט געווען צופרידן מיט דעם ברענטש 933 איבער זיין אייגנאַרטיקייט. ס׳איז געווען צייטן אַז מען האָט דעם ברענטש באַטראַכט פאַר אַ ווידערשפעניקטן, פאַר לאָזן הערן זיין שטימע אומדערשראָקן פאַר גערעכטיקייטן. ספּעציעל איז דער ברענטש ניט צוגעלאָזן געוואָרן פון דער היגער אַרבעטער רינג פירערשאַפט צו א. ר. טעטיקייטן. ווען בר. 933 האָט אָפן און אייניק געקעמפט פאַר דער אנערקענונג פון דער הסתדרות און דעם קאַמף פאַר אַ אידיש היימלאַנד. טראָץ דעם האָט דער ברענטש צוגעטראָגן צו הסתדרות, לעצטן יאָר, איבער דריי טויזנט דאלער; און דעם יאָר דער־וואַרטעט דער ברענטש צוטראָגן צום בויאונג און פאַרטיידיקונג פון ישראל אַריבער $7,000.

דער ברענטש איז צופרידן און גליקלעך וואָס מיר זיינען געווען די ערשטע צו פּראָקלאַמירן דאָס וואָרט „מען מעג״. מען מעג אָנקניפּן פריינדלעכע באַ־ציאונגען פון דער אַרבעטער נאַציאָנאַלער באַוועגונג; מען מעג העלפן דער הסתדרות; מען מעג העלפן בויען ארץ־ישראל פאַר אידן, און מען מעג פאַר־טיידיקן ארץ־ישראל און אָפּשלאָגן אַלע אַטאַקעס, פון וועמען זיי זאָלן ניט קומען. מעגן דאָס זיין די אייגעשפּאַרטע קורצזיכטיקע גענאָסן, מעגן דאָס זיין די אַראַבישע עפענדיס מיט זייערע געדונגענע קנעכט, אָדער בעווין מיט זיינע רשעות׳קייטן. מיר האָבן דערהערט דעם רוף פון דער צייט — און גע־ענטפערט אין צייט.

פאַר אָט דער וויכטיקער אַרבעט קומט קרעדיט י. א. ראַוויטשן. טעג האָט ער ניט גערוט און נעכט ניט געשלאָפן צו ברענגען כבוד דעם ברענטש און טאָן פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן, איבערהויפּט פאַרן הסתדרות, אויף אַזאַ פיינעם אופן.

ווילן מיר אויסדריקן אַ דאַנק צו אַלע מיטגלידער פון ברענטש, צו אַלע מיטגלידער פון קאָמיטעט, צו יעדן איינעם וואָס האָט צוגעלייגט אַ האַנט צו מאַכן דעם יום־טוב פאַר אַ דערפאָלג. מיר גיבן כבוד אַ מענטשן וואָס האָט דאָס כשר פאַרדינט.

י. מייער, פאָרזיצער פון קאָמיטעט
אסקאַר דייוויס, סעקרעטאַר
דזש. הווירש, טרעזשורער

# די מיטגלידער פון פראָגרעסיוו בר. 933 אַרבעטער רינג

שיקן זייער גרוס צום פאָרזיצער פון ברענטש, יחיאל ראַוויטש,
צום היינטיקן יום־טוב.

אין אייער נאָמען ביישטערן מיר פאַר דער הסתדרות לויט אונדזערע כוחות און מעגלעכקייטן. זאָל דאָס זיין אין אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און אנערקענונג צו אייך פאַר אייער אומדערמידלעכער אַרבעט פאַרן ברענטש און פאַר אַלע אינסטיטוציעס אין וועלכע אונדזער ברענטש איז פאַראינטערעסירט.

פר׳ און פריינדין אב. אייזענבערג
מ. אייבראַמס
ק. אייזען
ה. אייבראַמס
מ. אנעש
ב. באראו
וו. באַקאלאַר
א. גוס
מ. גרין
ב. גרובין
פ. גראסמאַן
פ. גאלדבערג
א. דייוויס
ה. דאלינסקי
דזש. דאַן

דזש. הירש
דזש. הורוויטש
דזשאַן ווייס
מ. וואַקס
דזש. וואַלין
מ. זעלמאַן
דזש. טשענין
מ. יאַנאַוויץ
ס. דזשאַפּע
ב. לעווין
ה. לעווין
י. מייער
ד. מאַרשאָו
דזש. מאַרקס
י. סיימאַן

ס. סטיין
ס. סעראַדסקי
י. סלאַבאַדקין
ס. סערנאָף
ס. סאַלאָו
י. סאַוויץ
י. ב. עדערער
ל. פעסלין
י. פלאַשבערג
ס. פאַרמאַן
א. קאַפּלאַן
ס. קאַפּלאַן
ג. ע. קופּער
ד. קאָרען
אהרן קאַפּלאַן

פריינדין ב. אנעקשטיין
א. אלפערט
מ. האלאַנדער
מ. וואולפסאָן

ס. וואַלק
א. וויינבערג
א. ליבערמאַן
שרה לאוריך

א. מענין
גלאַריא סאַדאו
ע. פירסט
ד. שעני שווארצמאַן

פריינד ה. בענסאָן
ל. גארפילד
מ. גודהיל
דזש. הילעל
ב. וויינשטיין
ל. ווערמעס

ל. טשערי
א. ליכטמאַן
ס. לעבעדעוו
ס. לעסין
מ. מאַקאַוויטש
ס. מענדעלסאָן

י. סאַקסער
ס. ענדמאַן
מ. קאַקס
ס. קנעיגער
ס. קאַפּלאַן
מ. קערטש

# יחיאל אברהם ראַוויטש

## (ביאָגראַפישע נאָטיצן)

יחיאל א. ראַוויטש איז געבאָרן געוואָרן אין סלוצק, מינסקער גובערניע, ביי אַ טאַטן אַ פּאַראַדטשיק, אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס צווישן אידן, מיט אַ צוטריט צו די „הויכע פענצטער" פון נאַטשאַלסטווע. אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם וואָס ער איז געוואקסן אין אַזאַ באַלעבאַטישער אַטמאָספערע, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסווייזן רעוואָלוציאָנערע נייגונגען פון זיין פריסטער יוגנט. פאַרשטייט זיך „רעוואָלוציאָנערע נייגונגען" לויט דעם באַגריף אין דעם קליינעם שטעטל סטאַראָבין, וואוהין זיינע עלטערן האָבן זיך אַריבערגעקליבן ווען ראַוויטש איז ניט מער ווי אַרום 5 יאָר אַלט געווען.

אַ כאַראַקטעריסטישער ביישפּיל:

קהל האָט געדאַרפט אָנשטעלן אַ רב. זיינען געקומען צוויי רבנים זוכן די שטעלע. האָט זיך געשאַפן צוויי „פּאַרטייען": די באַלעבאַטיש־גבירישע האָט פאָרגעצויגן איר אויסוואַל און „עמך־שער־און־נאָדל" האָט גראָד געהאַט אַן אַנדער מיינונג, ווי אַלעמאָל ווען עס קומט פאָר אַ קאַמף צווישן רייך און אָרעם. ר' וועלוול ראַוויטש, אונדזער יובילאַרס טאַטע, איז, פאַר־שטייט זיך, געשטאַנען מיט דער באַלעבאַטישער „פּאַרטיי". דעם קליינעם יחיאלקע האָט אָבער געצויגן דאָס האַרץ צו „פּאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער אָרעמער באַפעלקערונג". האָט ער אָרגאַניזירט אַ חברה חדר־אינגלעך און די חברה האָט אָנגעהויבן „דערגיין די יאָר" דעם באַלעבאַטישן רב אויף אַ „סיסטעמאַטישן" אופן, ביז דער רב איז געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן די שטאָט. אַזוי האָט דער יונגער ראַוויטש, נאָך זייענדיק אַ חדר־אינגל, גע־וואונען זיין ערשטן „רעוואָלוציאָנערן" קאַמף.

זייענדיק, ווי מען רופט עס, אַ קינר אַ בונטאָווטשיק, איז אים געוואָרן זייער ענג אין דעם קליינעם שטעטל. און אַזוי ווי ער האָט זיינע עלטערן קיין סך נחת מיט דעם ניט פאַרשאַפט, האָט אים זיין טאַטע באַלד אַוועקגעפירט אין דער גרעסערער שטאָט, סלוצק, און אים „אָפּגעגעבן" פאַר אַ קאָמאַשן־שטעפּער. דאָס איז געווען אַרום 1903. אַ ביסל שפּעטער איז זיין פאָטער געפאָרן אים זען. ווען ער איז צוריקגעפאָרן אַהיים און די מאַמע האָט אים געפרעגט:

— וואָס מאַכט עפּעס אונדזער יחיאלקע?

— וואָס זאָל ער מאַכן, דיין זון? — האָט ער געענטפערט האַלב בייז און האַלב צופרידן — ער טרויערט שוין נאָך ד"ר הערצל! . . .

דאָרטן אין סלוצק איז ער געוואָרן זייער אַקטיוו אין העלפן אָרגאַניזירן אַרבעטער פון פאַרשידענע פאַכן. ווען די נייעס פון זיין אַקטיוויטעט דער־גרייכט זיינע עלטערן, קומט דער פאָטער צולויפן און פירט אים אַוועק קיין מינסק. דאָ, טראַכט ער, וועט דער זון פאָרט ווערן אַ שטיקל לייט.

און ער איז טאַקע „באַלד געוואָרן": אין אַ קורצער צייט אַרום קומט אָן

אַ בריוו פון דער מינסקער טורמע מיט אַן אָנפֿראַגע, צי י. א. ראַוויטש איז דעם טאַטנס אַ זון...

וואָס די עלטערן האָבן דורכגעלעבט ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט אַז „דאָס קינד איז אַרעסטירט" איז זיך לייכט פֿאָרצושטעלן. די מאַמע האָט געוויינט און די הענט געבראָכן, און דער טאַטע — האָט זיך געשעמט פֿאַר באַלעבאַטים און סתם פֿאַר פֿיינע לייט, אַ קליינקייט, אַ זון אַן „אַסטראָגניק"!

מיר האָבן שוין דערציילט אַז זיין טאַטע האָט געהאַט אַ צוטריט צו די הויכע פֿענצטער פֿון נאַטשאַלסטווע, אַ דאַנק זיינע געשעפֿטלעכע פֿאַרבינדונגען. און אַזוי ווי קיין געלט האָט אים אויך ניט אויסגעפֿעלט, האָט ער, פֿון דעסטוועגן, באַשלאָסן אַרויסצוראַטעווען דעם זון פֿון גויאישע הענט. זיין שטאַנד אין דער געזעלשאַפֿט האָט פֿאַר אים געעפֿנט טיר און טויער און ער האָט זיך באַלד דערשלאָגן צו דעם באַרימטן אַנטיסעמיט, דעם מינסקער גובערנאַטאָר קורלאָוו. נאָך לאַנגע טענות, געבעט, צוזאָגן אַז זיין זון וועט זיך מער נישט מישן אין קיין „פֿרעמדע זאַכן" און, פֿאַרשטייט זיך, אונטערשטיצנדיק זיינע אַלע טענות מיט עטלעכע הונדערט רובל, האָט דער גובערנאַטאָר באַוויליקט ראַוויטשעס באַפֿרייאונג. אָבער דער פֿאָטער איז דאָך אַהיים געפֿאָרן און דעם זון נ י ט באַפֿרייט פֿון טורמע.

פֿאַרוואָס?

גאַנץ איינפֿאַך: ראַוויטש האָט זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די טובה פֿון גובערנאַטאָר, כל זמן אַלע אַנדערע אַרעסטירטע וועלן ניט באַפֿרייט ווערן מיט אים צוזאַמען! אַזוי איז ער אָפּגעזעסן אַרום 4 חדשים אין טורמע צוליב זיין אויפֿריכטיקער איבערגעבנקייט צו קאַמעראַדן.

נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעזעסן זיין פֿולן טערמין אין דער מינסקער טורמע, איז ער צוריקגעקומען אין זיין היים־שטאָט זיך אַ ביסל „אָפּרוען".

אין יענער צייט איז ער שוין געווען אַ מיטגליד אין „בונד". מיט לייב און לעבן איז ער געווען פֿאַרקאָכט אין דער אָרגאַניזאַציע וואָס איז דאַמאָלס געווען דער הויפּט־כוח אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס. איז פֿאַרשטענדלעך, אַז זיין ברויזנדע נאַטור האָט אים ניט געלאָזט זיצן רואיק.

אָבער דער שענסטער עפּיזאָד פֿון יענער צייט איז דאָס, וואָס זיין טאַטע האָט אים אַריינגענומען צו זיך אין געשעפֿט, האָט ער באַלד אָרגאַניזירט די אַרבעטער איבער וועלכע ער אַליין איז געווען דער באַלעבאָס. זיין פֿאָטער האָט דאַן פֿעסט באַשלאָסן, אַז „ער טויג פֿאַר אים ניט", און דערלאַנגענדיק אים עטלעכע קערבלעך אין טאַש, האָט ער אים צוריק אַוועקגעשיקט אין מינסק.

דאַן זיינען געקומען טעג פֿון רעוואָלוציאָנערן אויפֿברויז און פּאָגראָמען אויף אידן, אין דעם יאָר 1905. דאָ האָט ראַוויטש זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך מוט אין קאַמף — טאַקע ממש אין פֿיזישן קאַמף — אָפּצושלאָגן די אַטאַקעס. צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע חברים, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפֿונען זיין יוגנט־פֿריינד ב. כאַנין (איצטיקער קולטור־דירעקטאָר פֿון אַרבעטער רינג), האָט ראַוויטש מער ווי איין מאָל פֿאַרלאָרן טעג און נעכט אויף דעם הויכן

דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט אין סלוצק, אין 1905
פֿון רעכטס צו לינקס (זיצנדיק): גרישאַ, דער סטודענט זשיזמער און באָריס.
פֿון רעכטס צו לינקס (שטייענדיק): א. ראַוויטש און געצאָף.

מאַרק, אין מינסק, באַשיצנדיק דאָס לעבן פון אומשולדיקע מענטשן און באַשיצנדיק די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג.

אין דער טרויעריק־באַרימטער ערשטער מאַי דעמאָנסטראַציע אין מינסק, וועלכע איז אַזוי בלוטיק צעשלאָגן געוואָרן פון דעם צאַרס קאָזאַקן, האָט אונדזער יובילאַר אַרויסגעוויזן אַ־יסערגעוויינלעכע העלדישקייט. אין יענער דעמאָנסראַציע האָט ראַוויטש געקראָגן אַ וואונד אין האַנט, וועלכע האָט איבערגעלאָזן אַ סימן ביז היינט צו טאָג. ער איז באַלד צוגענומען געוואָרן, פון חברים, אין אַ פּריוואַטן צימער. אָבער נאָך דעם ווי אַ גרופּע רעוואָלוציאָנערן האָט זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט דעם בלוטיקן גובערנאַטאָר קורלאָוו און געוואָרפן אַ באָמבע אויף זיין הויז, האָט מען ראַוויטשן ווידער אַרעסטירט און אַריינגעזעצט אין טורמע.

אין גיכן איז ראַוויטש צוגענומען געוואָרן אַלס סאָלדאַט. און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז די „סלוזשבע“ איז אים גראָד געווען זייער צ.ם האַרצן. דאָ האָט ער געקראָגן אַ ניי פעלד פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און די קאַזאַרמע איז באַלד פאַרפּלייצט געוואָרן מיט רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. קיין חשר האָט ער אויף זיך ניט געצויגן, נאָר צוליב אַ בריוו וואָס ער האָט געשיקט צום דעם סאָלדאַט מאַרשאַק, מיט אָנווייזונגען ווי אַזוי יענער זאָל אַנטלויפן פ.ן דער שטאָט, איז ער אַרעסטירט געוואָרן. דאָס איז געווען שוין כמעט צו דער ענדע פון זיין דינסט־טערמין. אָבער אויף קיין ווייטערדיקע נסים האָט ער זיך שוין ניט געוואָלט פאַרלאָזן און ער באַשליסט צו אַנטלויפן און אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע.

אין 1910 קומט ראַוויטש קיין אַמעריקע און ווערט אַ „קלאָוקמאַכער“. אין אַ ק־רצער צייט אַרום זעען מיר אים שוין אַלס אַן עקזעקוטיוו מיטגליד פון לאָקאל 17 און ער ווערט זייער אַקטיוו אין דער יוניאָן. אין ניו־יאָרק זעען מיר ווידער ראַוויטשן אין דער שפּיץ פון די פאַרשידענע לייבאָר דעי און ערשטע מאַי פאַראַדן. אַלעמאָל אויף דעם ווייסן פערד מיט ערנסט, מיט אַ סך ענערגיע און מיט גרויס גלויבן אין דעם אַז סוף־כל־סוף וועט דער אַרבעטער־קלאַס זיין דער הערשער פון דער וועלט.

ראַוויטש „ווערט מגולגל“ אין פּאָרטלאנד, מעין. דאָרט בויט ער אַ אידיש־סאָציאַליסטישן ברענטש, וועלכער הויכט אָן כמעט קאָנקורירן מיט ניו־יאָרק. ער ווערט אַקטיוו אין דעם אידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פּאָרטלאנד און ער גרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיוון „ב.טשער שאַפּ“. אַזוי בירגערט ער זיך דאָרט איין און הויבט אָן מאַכן פּלענער פאַר דער אייגענער צוקונפט.

אים איז אָבער ניט באַשערט צו פירן אַ רואיק לעבן פּונקט ווי אַלע יונגע לייט. אַמעריקע גייט אַריין אין דער וועלט־מלחמה. דער פּאַטריאָטיזם דער־גרייכט דעם העכסטן שטאַפּל פון שאָוויניזם, און ער באַשליסט צו פאָרן קיין אַרגענטינע.

ווי קומט ער קיין אַרגענטינע? פּונקט ווי אַלע אַנדערע אַרגענטינער אידן. פאַר אַ באַצאָלטער שיפסקאַרטע האָט אַ שיף געפירט ראַוויטשן פון ניו־



## די ראַוויטש משפּחה מיט יאָרן צוריק

פֿאָדערשטע רייע פֿון רעכטס צו לינקס, יונגע שוועסטער און ברי
דער פֿון דעם יובילאַר: עטעלע, עליע, שמחה און חייקע.

מיטלסטע רייע: שוועסטער זעלדע, אַלטע און מאיר וועלוועל ע״ה,
עלטערן פֿון יובילאַר.

שטייענדיק, פֿון רעכטס צו לינקס: פייגל, נישקע און א. ראַוויטש.

יאָרק קיין בוענאָס־איירעס און ער האָט זיך דאָרט באַזעצט. ער עפנט דאָרט אַ ביכער־געשעפט, וואו עס ווערט באַלד די היים, אָדער די „העדקוואָדערס", פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין אַרגענטינע. באַלד קומט אָבער אָן דער קאַמף קעגן רעאַקציע און די פּאָליציי הויבט אָן באַטראַכטן ראַוויטשעס ביכער־געשעפט אַלס אַ רעוואָלוציאָנערע פעסטונג. אין אַ שיינעם טאָג ווערט זיין סטאָר אַרומגערינגלט פון פּאָליציי און ראַוויטש ווערט אַרעס־טירט. נאָך דעם ווי ער פלאַגט זיך אַפּ עטליכע טעג אין דער בוענאָס־איירעסער שמוציקער טורמע, ווערט ער באַפרייט, מיט דער הילף פון דעם אַמעריקאַנער קאָנסול, און ער פאַרלאָזט אַרגענטינע צוריק אויף דעם וועג קיין ניו־יאָרק.

ראַוויטש איז ג״ט באַקאַנט אין דער פּראָגרעסיווער אידישער אַמעריקע. זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט טוט ער שטענדיק מיט גרויס פאַרנעם, אפשר אַ ביסעלע צו רעש׳יק, אָבער שטענדיק ערנסט און מיט אַ סך אָפּטימיזם.

אין לאָס אַנדזשעלעס איז ראַוויטש אויך גוט באַקאַנט אַ דאַנק זיין אינ־טענסיווער אַרבעט אויף דעם געזעלשאַפטלעכן געביט. אַ וויכטיקער טוער אין אַרב. רינג, אַ וויכטיקער טוער אין הסתדרות, אַ „טשעמפּיאָן", וואָלט איך גע־זאָגט, אין די לעצטע אַקציעס פאַרן וועלפעיר פאַנד, סאַניטאַריום, מאונט סיני האָספּיטאַל א.ד.ג.

ראַוויטשעס אַרבעט אין לאָס אַנדזשעלעס אין די לעצטע יאָרן פאַרן הסתדרות, וועט דאַרפן געשריבן ווערן אַמאָל אַ גאַנצער בוך. ראַוויטש איז אין אַרבעטער רינג געווען דער פיינסטער און אַנגעזעענסטער מענטש ווען ער איז געווען אַקטיוו פאַרן אידישן אַרבעטער קאָמיטעט, ער איז אָבער גלייך טריף געוואָרן ווען ער האָט אין די אומגליקלעכע יאָרן פון היטלעריזם, ווען זעקס מיליאָן אידן זיינען אויסגעמאָרדעט געוואָרן, איינגעזען אַז אוב אידן וועלן נ״ט האָבן זייער לאַנד וועט דאָס אידיש פאָלק נאָך אַזאַ קאַטאַסטראָפע ניט איבערלעבן. ״

ראַוויטש דער סאָציאַליסט, דער קעמפער, האָט געפונען זיין גייסטיקע היים אין דער אַרבעט פאַרן הסתדרות, פאַר דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין ישראל, וועלכע בויט דאָס לאַנד אויף די יסודות, פאַר וועלכע ער האָט אַ לעבן געקעמפט, אויף יסודות פון סאָציאַליזם.

ביי דער אָפיציעלער פירערשאַפט איז ער טריף, אָבער ביי די ברייטע אַרבעטער רינג מיטגלידערשאַפט, ווי אַ פריינד פון אַ קאָאָפּעראַטיווער ישראל, איז ראַוויטש באַליבט.

ראַוויטשן האָט זיך איינגעגעבן אויפצולעבן זיין זייער שוואַכן אַרבעטער רינג ברענטש און מאַכן אים פאַר איינעם פון די לעבעדיקסטע אין שטאָט און די מיטגלידער פון ברענטש און זיינע פריינד גיבן אים איצטער אָט דעם טעסטימאָניאַל דינער מיט גרויס ליבשאַפט, מיט גרויס האָפענונג אַז ראַוויטש וועט לאַנג לעבן און פאַרזעצן זיין אַקטיווע אַרבעט פאַרן אַרבעטער רינג, פאַרן הסתדרות און פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן וואָס זיינען אים ליב און טייער.

# די הסתדרות און די אידישע מדינה

## באַגריסונגס־וואָרט

### פון אייזיק העמלין

נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פון הסתדרות־קאַמפּיין אין אַמעריקע

אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער לייטונג פון הסתדרות־קאַמפּיין באַגריס איך זייער האַרציק ברענטש 933 אַרבעטער רינג לכבוד זייער יום־טוב פּאַר א. ראַוויטש.

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר וועט אַריין אין דער אידישער געשיכטע אַלס דאָס יאָר, אין וועלכן עס איז ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן די בענקשאַפט און די האָפענונגען פון אונדזער פאָלק פאַר פרייהייט און פאַר אַ זעלבסטשטענדיקן אידישן לעבן אין ישראל. די דאַטומס פון 29טן נאָוועמבער און 14טן מאַי וועלן פאַרבלייבן אַלס שיינענדע און אינספּרירנדע טעג פאַר די וייטערדיקע דורות פון אונדזער פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

די אנערקענונג פון דעם אידישן שטאַט מצד די יונייטעד ניישאָנס איז ניט געקומען פון זיך אַליין. די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג און די ווידער־באַנייטע ענערגיע, וועלכע האָט זיך אַנטפּלעקט דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג, באַגלייט מיט די פאַקטן, וועלכע מיר האָבן געשאַפן אין ארץ־ישראל גופא, האָט גורם געווען צו דער עפנטלעכער אנערקענונג מצד די פאַראייניקטע פעלקער און צו דער גבורה, וועלכע דער ישוב אַליין האָט געפונען אין זיך כדי צו פּראָקלאַמירן די אידישע מדינה. אָט אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס האָט די חלוצישע אַרבעטערשאַפט געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע און דורך זייער שוויס און בלוט געבראַכט דעם טאָג, אויף וועלכן דורות פון אונדזער פאָלק האָבן געבענקט און געהאָפט במשך פון אונדזער לאַנגער גלות־געשיכטע.

אַ באַזונדערס אייגנאַרטיקע ראָלע האָט אין דעם פּראָצעס געשפּילט די הסתדרות העובדים, מיט וועלכער מיר זיינען פאַרבונדן במשך פון די לעצטע 25 יאָר. די הסתדרות האָט צוגעגרייט דעם מענטשן־מאַטעריאַל, וועלכער איז געווען אַזוי דרינגענד נויטיק כדי צו בויען און באַשיצן אונדזערע פּאָזיציעס, אַנטוויקלען אַ ברייטע קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פון איין עק לאַנד בזן צווייטן, צו בויען שטעט, דערפער, היימען און פאַבריקן, שולן און קולטור־אַנשטאַלטן, און אַזוי אַרום צוגרייטן די זיילן פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן בנין. אין דער זעלבער צייט האָבן די קאָאָפּעראַטיווע אַנשטאַלטן פון דער הסתדרות געדינט אַלס טרענירונג־צענטערס פאַר טויזנטער אַרבעטער און ניי־געקומענע, וועלכע האָבן אין פרידנס־צייטן געבויט און אין מלחמה־צייטן מוטיק געקעמפט פאַר אונדזער כבוד און פאַר אונדזער רעכט צו עטאַבלירן די זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע היימלאַנד.

די הסתדרות איז אַזוי אַרום — לויט די ווערטער פון איינעם פון אירע הויפּט־גרינדער און דעם איצטיקן פּרעמיער־מיניסטער, חבר בן־גוריון — געוואָרן „די עסענץ און סטרוקטור — דער אינסטרומענט פון דעם אַרבעטער צו עטאַבלירן אַ שטאַט, צו בויען אַ לאַנד און צו באַפרייען דאָס פאָלק.״

טריי צו אירע ביז איצטיקע טראַדיציעס, וועט די הסתדרות מוזן צושטעלן די מענטשן־כוחות פאַר דעם קאַמף, וועלכן דער ישוב וועט נאָך לייִדער מוזן פירן, און צוזאַמען דערמיט די אַרבעטס־קרעפטן צו אַנטוויקלען דעם אינ־דוסטריעלן און אַגריקולטורעלן לעבן פון לאַנד. די קאָאָפּעראַטיוון פון דער הסתדרות וועלן זיך נויטיקן אין גרויסע קאַפּיטאַלן כדי אויסצוברייטערן זייער ווירטשאַפטלעכע און סאָציאַלע טעטיקייט, און מיט זייער ברייטער דערפאַרונג דינען דעם ישוב און דער ניי־געשאַפענער אידישער מדינה.

אַמשטאַרקסטן וועט זיך די ראָלע פון דער הסתדרות דאַרפן אָנזען בײַם אויפנעמען די ניי־געקומענע עולים, שאַפן פאַר זיי אַרבעטס־מעגלעכקייטן און עטאַבלירן זיי אויף אַ פעסטן און זיכערן אופן.

איך בין דעריבער פול מיט האָפענונג און זיכערקייט אַז אונדזערע געטרייע און גוטע מיטגלידער פון אַרבעטער רינג וועלן מיט נאָך מער איבערגעבנקייט פאַרזעצן זייער גוטע אַרבעט און פילפאַך פאַרגרעסערן זייי־ערע רעזולטאַטן כדי צו פאַרווירקלעכן די אויבנדערמאָנטע פּראָגראַם.

איך באַגריס האַרציק א. ראַוויטש צו דעם יום־טוב, ווינטש אים ער זאָל האָבן כוח פאַרזעצן זיין אַרבעט פאַר אונדזער פאָלק און לאַנד.

---

# דער נאַצ. באָארד אַף דירעקטאָר באַגריסט

נעמט צו מיין וואונטש, חבר א. ראַוויטש, ווי פון אַ חבר וואָס שטייט מיט אַזוי פיל ענערגיע און איניציאַטיווע, שאַפט אַ סך פריינד און שונאים. וואונדער אייער מוט און איבערגעגעבנקייט. איך ווייס אַז אַ מענטש ווי איר מיט אַזוי פיל ענערגיע און איניציאַטיווע, שאַפט אַ סך פריינד און שונאים. זאָג איך אייך אין טאָג פון אייער יום־טוב, אַזוי לאַנג ווי איר אַרבעט פאַר דעם אידישן פאָלק, פאַר אַ סאָצ. קאָאָפּעראַטיווער ישראל לויט דעם מוסטער פון הסתדרות בין איך אייער פריינד און מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען פאַר אַ בע־סערער און פיינערער וועלט.

מיט אַכטונג צו אייך און בר. 933 פאַר דער הייליקער אַרבעט,

**הערי ראַטבלאַט**

נאַצ. באָרד אוו דירעקטאָר.

# באַגריסונג פון דר. נייטן זאַלצמאַן

## פּאָרזיצער פון דעם הסתדרות קאַמפּיין פאַר 500 טויזנט דאָלאַר

ליבער חבר א. ראַוויטש:

נעמט צו מיין האַרציקן וואונטש צו אייך פאַר לאַנגע פרוכטבאַרע יאָרן פון טעטיקייט פאַר אונדזער לאַנד און פאַר אונדזער פאָלק. אייער אַרבעט פאַרן הסתדרות קאַמפּיין איז לויבנסווערט, אייער אַרבעט פאַרן וועלפעיר פאָנד ון אַנדערע היגע אינסטיטוציעס איז ניט אָפּצושאַצן.

פאַרשטיי איך דארום, אַז די חברים פון אייער ברענטש ון פריינד בכלל שאַצן אָפּ אייער אַרבעט און אַראַנזשירן פאַר אייך אַ טעסטימאָניאַל דינער און גיבן אַרויס אין אייער כבוד אַ זשורנאַל.

איך דאַרף דאָך אייך ניט זאָגן אַז די אַרבעט פון דער אַרבעטער רינג דיוויזיע פאַרן הסתדרות איז אַ גראַנדיעזע. איר גיט כבוד דעם אַרבעטער רינג, איר האָט דעם אַרבעטער רינג אַוועקגעשטעלט אויף דער סאַמע הויך פון אידישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

די הסתדרות בויט אַ קאָאָפּעראַטיווע ישראל און איך דאַרף אייך דאָך ניט זאָגן אַז אָן דער הסתדרות וואָלט קיין ישראל ניט געווען.

דאַרפן מיר נאָך מיט מער מוט, מיט מער ענערגיע זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט צו העלפן דער הסתדרות.

טאָ זייט געבענטשט און זעצט פאָר אייער אַרבעט מיט דערפאָלג.

**דר. נייטן זאַלצמאַן**

# אין ליכט פון דור דורות

## פון מרים מעלצער

אין ליכט פון דור־דורות, דערוואַכונג עס בליט,
צו ביישטיין די רדיפות און צאָרן וואָס גליט.
תמיד האָט שנאה און האַס קעגן אונדז געבראָטן,
מדבר־זון האָט געברענט, מיט זאַמד די אויגן פאַרשאָטן,
איז אָנגעקומען חלוצים־דור, די העלדן פון דורות:
באַפעסטיקט דאָס גלויבן און געצונדן די אויל פון מנורה׳ס
געבויט, באַשיצט, מיט כוחות פון אינהאַלט און האַפט.
פון אונטערגרונט אַרויס האָט די גבורה דערוואַכט . . .
די וועלט פון מלחמה און שטרייט, שטייט און גאַפט.
פייער פון קרעמאַטאָריום, האָבן נאָך מאַכט?

עס מאַרשירט מיט פעסטן טראָט די הגנה אין שלאַכט,
ער שטראָמט די יוגנט, בר־כוכבא גבורה־העלד . . .
דורך דער גאַנצער וועלט, אונדזער שטאָלץ דערוואַכט.
עס לויכט אויף דער דור פון איינשטיינס געניאַלן מוח,
אין לעצטן שטרייט פאַראייניקט אונדז איין כוח . . .
ווי די חשמונאָים אַמאָל, האָט אין ווידערשטאַנד געזיגט,
וועלן די בערג און טאָלן פון מדינת ישראל ווערן באַשיצט.
און פלאַטערן וועט די ווייס־בלויע פאָן פון פרידן און שלום.
און אויסגעלייזט וועט די וועלט ווערן ווי אין נביא׳ס חלום,
עס שווימט אויף ימים דער אָנזאָג פון נייער צייט,
אַז דאָס פאָלק און לאַנד פון לאַנגן גלות ווערט באַפרייט.

הנוכה 1949.

# דעקלאַראַציע פון מדינת ישראל

ארץ־ישראל איז געווען דער געבורט־אָרט פון דעם אידישן פאָלק. דאָ האָט זיך אויסגעאַרבעט דער גייסטיקער, רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער אויסזען פון די אידן. דאָ האָבן זיי געוואונען זייער אומאָפּהענגיקייט און האָבן געשאַפן אַ קולטור פון נאַציאָנאַלער און אַלוועלטלעכער וויכטיקייט. דאָ האָבן זיי געשאַפן און געגעבן דער וועלט די תורה.

ווען דאָס אידישע פאָלק איז פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל, זיינען זיי געבליבן טריי צום לאַנד אין אַלע לענדער פון זייער גלות. זיי האָבן קיינמאָל ניט אויפגעהערט מתפלל צו זיין און צו האָפן אויף אַן אומקער אַהין און אויף דער ווידעראויפריכטונג פון זייער פרייהייט.

צוליב אָט דער היסטאָרישער פאַרבינדונג, האָבן די אידן דורך די הונדערטער יאָרן געשטרעבט צו קומען צוריק אין לאַנד פון זייערע אבות און ווידער אויפשטעלן זייער מלוכה. אין די לעצטע צענדליקער יאָרן זיינען זיי געפאָרן אַהין אין גרויסע מאַסן.

זיי האָבן ווידער אויפגעלעבט אַ ווילדערניש, האָבן ווידער אויפגעלעבט זייער לשון און האָבן איינגעשטעלט אַ קרעפטיקן און אַלץ־וואַקסנדיקן ישוב, מיט אַן אייגענעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן. זיי האָבן געוואָלט האָבן פרידן, אָבער זיי זיינען געווען גרייט צו פאַרטיידיקן זיך. זיי האָבן געבראַכט אַהער די ברכות פון פאָרשריט צו אַלע איינוואוינער פון לאַנד.

אין יאָר 1897 האָט דער ערשטער ציון־קאָנגרעס, באַגייסטערט פון טעאָדאָר הערצלס זעאונג פון אַ אידישער מלוכה, פראָקלאַמירט דאָס רעכט פון אידישן פאָלק צו אַ נאַציאָנאַלער ווידערבאַלעבונג פון זייער לאַנד.

אָט דאָס רעכט איז באַשטעטיקט געוואָרן פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע דעם 2טן נאָוועמבער, 1917, און איז ווידער באַשטעטיקט געוואָרן פון דעם מאַנדאַט פון דער פעלקער־ליגע, וואָס האָט געגעבן אַ קלאָרע אינטערנאַציאָנאַלע אנערקענונג צו דער היסטאָרישער פאַרבינדונג פון אידישן פאָלק מיט ארץ־ישראל און זייער רעכט ווידער אויפצושטעלן זייער נאַציאָנאַלע היים.

די שחיטות, וואָס האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען אידן אין אייראָפּע, האָבן ווידער באַוויזן, ווי דרינגנד נויטיק עס איז ווידער צו גרינדן אַ אידישע מלוכה, וואָס זאָל אָפּשאַפן די אידישע היימלאָזיקייט דורך עפענען אירע טויערן פאַר אַלע אידן און געבן דעם אידישן פאָלק גלייכהייט אין דער משפחה פון פעלקער.

די לעבן־געבליבענע נאָך דער אייראָפּעאישער קאַטאַסטראָפע און די אידן פון אַנדערע לענדער, וואָס פאָדערן זייער רעכט צו לעבן מיט ווירדע, אין פרייהייט און מי, אומגעשטערט פון געפאַרן און שטערונג, האָבן אָן אויפהער זיך געריסן אַריינצוקומען אין ארץ־ישראל.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן די ארץ־ישראל אידן געגעבן זייער פולעביישטייערונג אין דעם קאַמף פון פרייהייט־ליבנדע פעלקער אַנטקעגן דער נאַצי־חיה. די קרבנות פון זייערע קעמפער אויף די שלאַכט־פעלדער און די אָנשטרענגונג פון זייערע אַרבעטער פאַר דער מלחמה האָבן געגעבן די אידן דאָס רעכט צו זיין גלייך מיט די פעלקער, וואָס האָבן געשאַפן דעם פעלקער־בונד.

דעם 29טן נאָוועמבער, 1947, האָט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון פעלקער־בונד אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן אויפשטעלן אַן אומאָפּהענ־גיקע אידישע מלוכה אין ארץ־ישראל און האָט אויפגעפאָדערט די איינוואוי־נער פון לאַנד צו נעמען די נויטיקע שריט דורכצופירן אָט דעם פּלאַן.

אָט די אנערקענונג פון דעם פעלקער־בונד, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט דאָס רעכט צו גרינדן זיין זעלבסטשטענדיקע מלוכה, קען ניט צוריקגערופן ווערן. נאָך מער, עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס אידישע פאָלק, פונקט ווי אַנדערע פעלקער, האָט דאָס רעכט צו זיין אַ פאָלק אין אַן אייגענעם אומאָפּהענגיקן לאַנד.

דעריבער האָבן מיר, מיטגלידער פון ועד לאומי, וואָס פאַרטרעטן דאָס אידישע פאָלק אין ארץ־ישראל און די ציוניסטישע באַוועגונג איבער דער וועלט, זיך דאָ פאַרזאַמלט, לויט דעם באַשלוס פון דער אַלגעמיינער פאַר־זאַמלונג פון פעלקער־בונד, און מיר פּראָקלאַמירן די גרינדונג פון דער אידי־שער מלוכה אין ארץ־ישראל, וואָס וועט גערופן ווערן י ש ר א ל.

פון דעם סוף פון דעם מאַנדאַט, וואָס ענדיקט זיך 12 אַזייגער היינט ביינאַכט און ביז עס וועלן אייגעשטעלט ווערן דערוויילטע קערפּערשאַפטן, אין איינקלאַנג מיט דער קאָנסטיטוציע, וואָס וועט אָנגענומען ווערן פון דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג נישט שפּעטער פון דעם 1טן אָקטאָבער, 1948, וועט דער איצטיקער נאַציאָנאַלער ראַט זיין די פּראָוויזאָרישע רעגירונג פון דער מדינה פון ישראל.

די אידישע מדינה וועט זיין אָפן פאַר אַלע אידישע אימיגראַנטן. זי וועט אַנטוויקלען דאָס לאַנד פאַר אַלע איינוואוינער. זי וועט זיין באַגרינדעט אויף די פּרינציפּן פון פרייהייט, גערעכטיקייט און שלום, לויט דער לערע פון די נביאים. זי וועט געבן סאָציאַלע און פּאָליטישע גלייכהייט צו אַלע אירע בירגער אָן אונטערשייד פון ראַסע, גלויבן אָדער געשלעכט, און וועט גאַראַנ־טירן פולע פרייהייט פון בילדונג און קולטור.

מיט דעם בטחון אין דעם אַלמעכטיקן גאָט שרייבן מיר אונטער די דאָזיקע דעקלאַראַציע אין דער שטאָט תל אביב דעם ערב שבת, ח׳ אייר, התש״ח.

# ישראל

(אַ הימן)

פון **יעקב מאַרינאָוו**

י ש ר א ל !
נעם אַראָפּ די האַרף וואָס דו האָסט אויפגעהאנגען
אויף ווייַנענדיקע ווערבעס, ביי די וואַסערן פון בבל,
זינג ווידער ציונ׳ס געטלעכע געזאַנגען,
געזנוג דיר זיין אַן אבל!

י ש ר א ל !
דורך אַלע עקן וועלט צעקלינג די בשורה,
צום ריטם פון די פוס־טריט פון בן דוד;
דיין חיל האָט מיט קדושה און מיט גבורה
באַשיצט דיין קיום און דיין כבוד.

י ש ר א ל !
דיין אויסגעבענקטער טאָג פון גאולה איז געקומען,
ביסט איצטער גרייט די אומות צו באַווייזן;
דו האָסט דעם נביא׳ס רייד אין האַרץ פאַרנומען;
ווילסט איבערשמידן שווערד און אַקעראייזן.

י ש ר א ל !
און אויב דער שונא איז מיט בלענדעניש געשלאָגן,
איז טויב צו זיין נביא־איש שלום־לשון,
וועט אים דיין חיל פון דיין גבול פאַריאָגן,
מיט דם ואש, ותמרות עשן . . .

י ש ר א ל !
געזנוג, געזנוג דיר זיין אַן אבל!
נעם אַראָפּ די האַרף וואָס דו האָסט אויפגעהאנגען
אויף ווייַנענדיקע ווערבעס, ביי די וואַסערן פון בבל,
זינג ווידער ציונ׳ס ה ע ל ד י ש ע געזאַנגען!

# געקליבענע ווערטער איבער דער הסתדרות
## אירע אויפטוען און דערגרייכונגען

**חיים וויצמאַן:**

... די הסתדרות איז אַלע יאָרן אין דער ערשטער פראָנט־ליניע פון די פּיאָנערישע כוחות, וועלכע בויען דאָס אידישע היימלאַנד. די הסתדרות האָט געשאַפן נייע ווערטן און האָט אויסגעטראָטן נייע וועגן פון לעבן ניט נאָר פאַר אונדז אַליין. קאָלאָסאַל גרויס איז דער בייטראָג פון דער הסתדרות, אין וועלכער עס זיינען פאַרקערפּערט אונדזערע חלוצישע אָנשטרענגונגען פאַר דער אויפבויאונג פון אונדזער היימלאַנד און פאַרדינען אַ מוסטער פון אַ בעסערן לעבן.

**דוד בן־גוריון:**

... אַן אויפגאַבע וואָס איז ניט געשטאַנען פאַר קיין שום אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט איז געשטעלט געוואָרן פאַר דער הסתדרות. מיר זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן אויפצושטעלן ניט נאָר אַן אָרגאַניזאַציע, וועל־כע זאָל אַרומנעמען אַלע אַרבעטנדע וועלכע געפינען זיך שוין אין לאַנד, נאָר אַ פּול־קרעפטיקן אינסטרומענט, וועלכער זאָל אַריינגעמען די מאַסן־עולים פון אַלע לענדער, זאָל זיי איינוואָרצלען אויף שטענדיק אין אַ לעבן פון אַרבעט אין ישראל, לייגן דעם פונדאַמענט פאַר אַ לעבן פון אַ מדינה און אַנטוויקלען איר נאָך איר אַנשטיין.

**חיים נחמן ביאַליק:**

... איך גלויב באמונה שלמה, אַז אין דער גאַנצער ברייטער וועלט איז נישטאָ קיין איין ווינקל, וואָס זיינע בויער און שעפער זיינען ענלעך צו די פון ישראל. אין ישראל „זאָגט שירה" יעדער ציגל וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין וואַנט. די אַרבעטער זיינען דאָרט ניט סתם קיין לוין־אַרבעטער, וועלכע זיינען פאַרשקלאָפט צו זייערע באַלעבאַטים. דאָס זיינען מענטשן, וועלכע בויען אַ צוקונפט פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער נאָך זיך. דאָס צו זען מיט די אייגענע אויגן — איז אַ גרויס גליק וואָס האָט ניט קיין גלייכן.

**פּראָפ. אַלבערט איינשטיין:**

... די הסתדרות איז די פאַרקערפּערונג פון די טראַדיציאָנעלע אידעאַלן פון גערעכטיקייט און זי איז אַ מוסטער ביישפּיל פון לעבן פאַרן גאַנצן אידנטום.

**גאָלדע מאירסאָן:**

... 80־85 פּראָצענט פון די מיטגלידער־שטייערן (אין דער הסתדרות ווערן אויסגעגעבן אויף קעגנזייטיקער הילף: קופּת־חולים, קרן־נכות אינוואַ־לידן־פאָנד), „משען" (אונטערשטיצונג) א.אַ.וו. קופּ־חולים גיט וויכטיקע מעדיצינישע הילף און זי גיט די הילף אין אַ שיינעם פאָרם. פרעגט זיך: צי האָבן מיר נאָך געקענט טאָן מערער ווי מיר האָבן געטאָן אין די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר געפינען זיך?

# י. ראַוויטש דער „לייף ווייער"
## פון לאָס אנדזשעלעס
### פון ל. מעלצער

ווי איז צו אַ מענטשן, ווען אַלע האָבן אים פיינט, ווען אַלע זיינען זיינע שונאים. און דאָפּלט ווי איז צו אַ מענטשן וועלכער האָט נאָר פריינט און גאָר קיין שונאים ניט.

זיכער איז שלעכט ווען אַלע זיינען שונאים, אָבער ניט זעלטן טרעפט אַז עס איז דאָ שנאת־חינם, מען פאַרגינט ניט, מען איז אייפערזיכטיק, אָבער אַפילו ווען די שנאה איז אַ באַרעכטיקטע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. באַווייזט דאָך אַז דער וועמען מען האָט ניט ליב, טוט עפּעס, איז טעטיק, איז ענערגיש, מעגן דאָס צו אַנדערע ניט אַפּעלירן, אָבער עס ווייזט אַז מען איז ענערגיש און פאַראינטערעסירט אין אַן אַרבעט.

האָסטו אָבער קיין שונאים ניט, אַלע האָבן דיך ליב, איז דער בעסטער באַוויז אַז דו האָסט קיין א י ך ניט, ביסט אַ קוואַטש, טאַנצסט אויף אַלע חתונות, האָסט ניט קיין רוקן־ביין, אָדער דו ביסט סתם אַ לא יוצלח — וואָס זיצט ערגעץ פאַרשפּאַרט אין אַ ווינקל, מעג די וועלט זיך איבערקערן.

ווילט איר אַ מענטשנס טעטיקייט מעסטן, זעט וויפיל פריינד ער האָט, וויפיל שונאים. איז דאָ אַ גלייכגעוויכט איז אַ גוטער סימן.

יחיאל ראַוויטש האָט אַ ים מיט שונאים און אַ ים מיט פריינד. ער האָט שונאים פאַר זיין ענערגיע, פאַר זיין טעטיקייט, וואָס לויט זייער מיינונג נוצט ער אויס פאַר זאַכן וואָס איז זיי ניט צום האַרצן.

ראַוויטש האָט אָבער אַ גוואַלדיקע צאָל פריינד, פאַר די זעלבע אורזאַכן, פאַר זיין ענערגישער אַרבעט פאַר הסתדרות, פאַר זיין ענערגישער טעטיקייט פאַר וועלפעיר פאָנד און פאַר אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

ווען ראַוויטש אַרבעט פאַר עפּעס וואָס איז אים צום האַרצן איז ניטאָ קיין גרענעץ וויפיל ענערגיע ער קען אַוועקגעבן פאַר אַט דער אַרבעט. ער פאַרנאַכלעסיקט זיין געשעפט, זיין געזונט, זיין לעבן פאַר די אַרבעטן וועלכע זיינען אים ליב.

זיינע ביטערסטע שונאים וועלן ניט זאָגן, אַז ער זוכט פּערזענלעכע פאַר־גיטיקונג פאַר זיין אַרבעט. ער זוכט ניט קיין כבוד, טיילט אָבער אויס כבוד מיט פולע הויפנס צו די וועלכע העלפן אים.

ראַוויטש איז אַ פריינד און אַ חבר צו אַלע די וואָס זיינען מיט אים פאַרבונדן אין דער אַרבעט.

און עס איז קיין וואונדער ניט וואָס אַלע זיינע פריינד גיבן אים איצטער אַ טיסטימאָניאַל דינער פאַר זיין גוטער אַרבעט.

נו, זאָל ער פאַרזעצן זיין ענערגישע אַרבעט פאַר לאַנגע יאָר, זאָל ער פאַרזעצן האָבן שונאים, ער זאָל אויך פאַרזעצן די צעמענטירונג פון פריינד־שאַפט מיט אַלע די, מיט וועלכע ער אַרבעט איצטער פאַר אַ בעסערער צו־קונפט פאַרן אידישן פאָלק, און אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

# אַ בריוועלע צו אַן אַלטן פריינט

(וואָס כאַנין האָט געשריבן צו ראַוויטשן צו זיין 50סטן יובל)

ליבער ראַוויטש:

ווען איך האָב דערהאַלטן די איינלאַדונג צו באַטייליקן זיך אין דיין 50־יאָריקן יובילײ, האָב איך גענומען טראַכטן מיט וויפיל יאָר צוריק איך האָב זיך מיט דיר באַקענט און וועגן דער שטאָט וואו מיר האָבן זיך באַקענט. איך האָב זיך דערמאָנט אויף מינסק, אויפן גרויסן שול־הויף, אויף דער „בונ־דישער" בירזשע, אויף זאַכאַראָווער גאַס. עס זיינען אָפּגעפרישט געוואָרן אין מיין זכרון די בייגאַכטיקע פאַרזאַמלונגען אין די וועלדער, די קליינע קרייזלעך אין די זייטיקע גאַסן פון מינסק. מיט איין וואָרט: איך האָב זיך דערמאָנט אויף דיין און מיין יוגנט.

געווען איז דאָס מיט 35 יאָר צוריק.ביידע האָבן מיר דעמאָלט געאַרבעט אונטער איין פאָן — די פאָן פון „בונד" געהאַט איין סאָציאַליסטישע מאָראַל, איין סאָציאַליסטישן גלויבן. נאָענט פון פיר צענדליק יאָר זיינען פאַראיבער. אין דער וועלט זיינען פאָרגעקומען גרויסע פּאַסירונגען. די פּאַסירונגען האָבן אונדז אָפטמאָל צעטיילט. אַמאָל זיינען מיר גאָר ווייט געווען איינער פונם אַנדערן, אַמאָל אַ ביסל נעענטער, אָבער אויך גאַנץ ווייט. און איצט? די פּאָליטישע איבערצייגונגען זיינען ביי אונדזביידן פאַרשידענע, די באַגריפן איבער וועלט, מענטשן און זאַכן — אַנדערע, דאָך שיק איך מיין האַרציקע באַגריסונג צו דיין 50־יאָריקן יובילײ. איך טו דאָס צוליב דעם, ווייל איך ווייס אַז עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוטער אמת, און קיינער קען ניט זיין זיכער ווער דעם אמת באַזיצט. טאָ לאָמיר האָפן, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען די וועלט וועט זיך ענדערן, ווען באַגריפן וועלן זיך קריסטאַליזירן, ווען איין סאָציאַליס־טישע מאָראַל און עטיק וועט געשאַפן ווערן. דאַן וועלן מיר צוריק זיין צוזאַמען.

מיט גרוס, דיין,

**נ. כאַנין**

---

ליבער חבר א. ראַוויטש: מיין האַרציקן אויסדרוק פון ליבע און אַכטונג צו אייך פאַר אייער שיינער און נאָבעלער אַרבעט. מיט אייער ענערגישער און מוטיקער פאַרצווייגטער טעטיקייט וועלן מיר דערגרייכן אַ שיינע וועלט פאַר דער מענטשהייט און אַ פרייע דעמאָקראַטישע היים פאַרן אידישן פאָלק.

**חיים שאפּירא**

# באַגריסונג צו א. ראַוויטש און בר. 933 אַרבעטער רינג
# פון לאָס אַנדזשעלעסער אַרבעטער רינג
# דיוויזיע פאַר הסתדרות

אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער רינג דיוויזיע פאַר דער הסתדרות אין לאָס אַנדזשעלעס, וועט דער ברענטש 933 א. ר. זיכער פאַרנעמען אַ חשוב׳ן און בכבוד׳יקן אָרט פאַר זיין ערנסטער איבערגעבנקייט און פאַר־דינסטפולער אַרבעט לטובת דער הסתדרות און איר פאָרזיצער א. ראַוויטש.

דער בר. 933 א. ר. און א. ראַוויטש האָבן שוין כמעט ווי די חזקה ביי־אונדז, צו באַווייזן פאַר די גרעסערע ברענטשעס ווי מען דאַרף פירן אַ „קאַמפּיין" פון דער אַרבעטער רינג דיוויזיע פאַר דער הסתדרות.

דער בר. 993 א. ר. איז פון די געציילטע אַקטיוווסטע א. ר. ברענטשעס אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָס איז כמעט מיט זיין גאַנצער מערהייט, הונדערט פּראָצענט, פאַר דער הסתדרות. עס איז דעריבער איינע פון אונדזערע שטאַרק־סטע הסתדרות־פּאָזיציעס אינם היגן אַרבעטער רינג. איז באמת אַ מוסטער־האַפטער ביישפּיל פאַר אַנדערע ברענטשעס פון אַרבעטער רינג. עס באַווייזט אונדז, נאָך אַן איבעריק מאָל, וואָס מען קען אויפטאָן און דערגרייכן, ווען דער גוטער ווילן, פייערלעכער ענטוזיאַזם און ערלעכע איבערצייגונג עס באַ־גלייט די אַרבעט פאַר אַן אידעאַל. — שולדיק אין דעם איז ניט קיין אַנדערער ווי א. ראַוויטש.

אין איצטיקן שווער־גורל׳דיקן מאָמענט, וואָס דער ישוב אין ישראל לעבט איבער און וועלכער פירט אַן אַזאַ בראַוון און העראָאישן קאַמף פאַר זיין און אונדזער אידישן קיום; פאַר דער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, איז די אַרבעט פון הילף פאַר דער הסתדרות טאָפּלט וויכטיק און הייליק.

זייט דעריבער געגריסט, ליבער פריינד ראַוויטש און מיטגלידער פון בר. 993 א.ר., צו אייער יום־טוב, וואָס איר האָט די זכיה און פּריווילעגיע צו אַרבעטן פאַר די אידעאַלן און פּרינציפּן וואָס אונדזער אַרבעטער רינג אָרדן, אַלס אַ גאַנצער, וואָלט איצט, מען ווי עס איז, געדאַרפט מיטאַרבעטן און קעמפן. לאָמיר האָפן אַז דער אידעאַל און קאַמף פון דער הסתדרות, פאַר וועלכער איר אַרבעט מיט אַזוי פיל עקשנות און איבערגעבנקייט, וועט אויך ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון אַרבעט פאַר אונדזער גאַנצן א. ר. אָרדן.

מיט אַרבעטער רינג גרוס,

לאָס אַנדזשעלעסער דיוויזיע פאַר דער הסתדרות

י. איזגור, פאָרזיצער

מרים מעלצער, סעקרעטאַר

# דער פריינד א. ראַוויטש — צו זיין יובילײ

## חיים בראַנד

עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פון דער אַרבעטער רינג דיוויזיע פאַר הסתדרות
אין ישראל אין ניו־יאָרק

אונדזער עקזעקוטיוו קאָמיטעט פון דער אַרבעטער רינג דיוויזיע אין ניו־יאָרק האָט מיר צוגעטיילט דעם כבוד צו שרייבן אַ באַגריסונג לכבוד דעם יום־טוב פון פריינד א. ראַוויטש, טו איך דאָס מיט גרויס חשק.

קודם כל, וויל איך זאָגן וואָס איך ווייס נישט וועגן פריינד ראַוויטש און שפּעטער וועל איך זאָגן וואָס איך ווייס יאָ וועגן אים.

כ׳ווייס נישט זיין אָפּשטאַם, זיין יחוס. כ׳קען נישט זיין יוגנט און זיין פאַרגאַנגענהייט. כ׳האָב אים דערקענט שוין אַ פאַרטיקן, אַן איצטיקן.

דאָס ערשטע מאָל און דאָס איינציקע מאָל האָב איך אים געזען, צוריק מיט עטלעכע חדשים, באַגעגנט האָב איך אים מיט די ווערטער „אַזוי האָב איך זיך אייך פאָרגעשטעלט. אַזוי האָב איך אייך געזען ווען מ׳האָט מיר דערציילט וועגן אייך, וועגן אייער אַרבעט, וועגן אייער טעטיקייט. איך האָב זיך נישט אָפּגענאַרט.״ אַ מענטש מיט געזעלשאַפטלעכער אַמביציע; אַ מענטש פון אייביקן אומרו, ממש קוועקזילבער, וואָס ווערט נישט מיד פון אַרבעט, פאַר אידייען אין וועלכע ער גלויבט, מיטן פלאַם פון זיין גלויבן, באַאיינפלוסט ער זיין סביבה. ער רעדט מיט שכל און פאַטאָס, מיט געפילמעסיקייט, האַר־ציקייט, קעמפערישקייט פון אַ יוגנטלעכן ברען, מיט געוואַגטקייט, אַנט־שלאָסנקייט און פעסטן כאַראַקטער, מיט וואַרעמער חסידישער התלהבות אין דער אַרבעט. נישט שטענדיק איז ער געצוימט אין זיין געזעלשאַפטלעכן טעמ־פעראַמענט — זייער אָפט קומט דאָס צונויף — דאָס אַלץ האָב איך אָפּגעפילט פון פערזענלעכע שמועסן און פון זיין פייערלעכער, פייערדיקער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף אַ קאָנפערענץ פון טוער פון דער אַרבעטער רינג די־וויזיע אין ניו־יאָרק. דאָס האָב איך געזען אין זיינע יונגע ברענענדיקע אויגן, כאָטש דער קאָפּ איז שוין פאַרזילבערט.

פריינד ראַוויטש, איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז די טעטיקייט פון דער אַרבעטער רינג דיוויזיע אין לאָס אַנדזשעלעס, וואו איר לייגט אַריין אַזוי פיל מי און אַרבעט, איז אַ גרויסע אינספּיראַציע פאַר אונדזער דיוויזיע אין ניו־יאָרק. אָפט, זייער אָפט, דערציילן מיר צו אונדזערע טוער פון אייער אַרבעט און מיר וועקן ביי זיי ביישפּיל, אַז אויך זיי זאָלן זיין אַזוי טריי, אַזוי אַקטיוו.

אייער טעטיקייט פאַר דער הסתדרות אויף דעם פעלד פון אַרבעטער רינג, וואו איר האָט שטערונגען, שוועריקייטן, פאַרבלענדעטע קעגנערשאַפט, איז אַ חלוצישע, אַ פּיאָנערישע אַרבעט. אין דער היינטיקער תקופה פון גאולה און געפאַרן פאַר אונדזער אידיש פאָלק און אידיש לאַנד איז נויטיק מוט און אויסדויער, טרייהייט און איבערגעבנהייט, אַזוי ווי ס׳האָבן די פריינד פון ראַוויטשעס שניט.

צוויי צילן האָבן מיר געהאַט און האָבן אויך ווייטער אין אונדזער קאַמף — נאַציאָנאַלע מלוכהשע זעלבסטשטענדיקייט אין אייגענעם לאַנד ישראל און דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטישע אָרדענונג אין מדינת ישראל פאַר אַ טייל פון די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־קעמפער, איז דער ציל אין פרינציפּ שוין דער־גרייכט. אָבער פאַר די ראַוויטשעס איז דער צווייטער ציל נישט פון קלענע־רער וויכטיקייט — דער קאַמף פאַר דעם כאַראַקטער, סיסטעם און גייסט פון דער מלוכה מוז געפירט ווערן פּאַראַלעל מיט דעם קאַמף פאַר באַפעסטיקן אונדזער נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט. פאַר דעם ציל וועט מען נאָך פיל, פיל אַרבעטן און קעמפן. ווינטש איך אייך אַ סך כוח, מוט, אויסדויער אין אייער אַרבעט פאַר דער התסדרות, די בויער און באַשיצער פון ישראל און די קעמפער פאַר דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם אין מדינת ישראל.

---

## פּיטער מ. קאהן, וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער טוער, באַגריסט

איך שיק אייך אַ האַרציקע ברכה צו דעם יום־טוב וואָס ווערט פאַר אייך געגעבן. מיינט ניט אַז אַלע האָבן פון אייך פאַרגעניגן. פאַראַן נאָך אַזעלכע וואָס ווינטשן איר זאָלט וואָס גיכער פאַרלאָזן לאָס אַנדזשעלעס, דאַן וואָלטן זיי אויך געמאַכט אַ שיינעם באַנקעט. טאַקע אין דער אמתן קומט צו פאַרן אַ בחור און וויל ניט אַנדערש נאָר אַז דער אַרבעטער רינג, וואו ער איז אַ מיטגליד, זאָל גאָר ווערן אַנדערש ווי ער איז געווען פאַר צענדליקער יאָרן. ראַוויטש וויל ניט אַנדערש נאָר אַז דער א. ר. זאָל ווערן אַ היים פאַר די אידן, העלפן דער הסתדרות. אים אַרט גאָר ניט וואָס דער „בונד" וועט זאָגן.

נו ווינטש איך דיר, אַז דו זאָלסט האָבן גענוג כוח צו קעמפן און ברענגען אַלע אידן, אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם אידעאַל פאַר וועלכן דו אַרבעטס היינט.

מיט אנערקענונג צייכן איך

**פּיטער מ. קאהן**

---

## מיין האַרציקע באַגריסונג צו יחיאל ראַוויטש

**און צו די מיטגלידער פון בר. 933 א. ר.**

זאָל אונדזער צוקונפט אויפגיין, ווי אַ פייערדיקער פאַקל פאַר דער גאַנצער וועלט; ווי אַ מוסטער־צייכן פון שלום און פרידן פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט, און זאָלן זיי, אין אונדזער אויפשטראַלן, אונדז דערקענען און אויך דערקענען זייערע בייזע מעשים, וועלכע זיי זיינען קעגן אונדז באַגאַנגען אין די אַלע יאָרן פון אונדזער שווערן גלות־לעבן. אין פייער פון חרטה זאָלן זיי זיך לייטערן, מחילה בעטן פאַר אַלע באַגאַנגענע זינד קעגן פאָלק ישראל.

איך ווינטש אייך דערפאָלג אין אַלע אייערע דערגרייכונגען. אייער דער־פאָלג — איז אונדזער אַלעמענס.

מיט מוט און גלויבן, מיט ענערגיע און פרייד צו נייע ווייטערדיקע דער־גרייכונגען, בין איך מיט אייך, אייער

ה. רויזענבלאַט

# באַגריסונג פון י. לעוויט

מיין ליבער יחיאל אברהם ראַוויטש:

הייסט עס אַז מען פייערט דיין טעטיקייט — טאָ זאָל זיין מיט מזל. איך ווינטש דיר דערביי אַז דיינע כוחות זאָלן דיר אַנהאַלטן אויף נאָך צענדליקע יאָרן און זאָלסט פאַרזעצן שטורעמען מיט ענערגיע פאַר דעם אידישן פאָלק און פאַר מדינת ישראל, ווי אויך פאַר אַלע וויכטיקע, קאָנסטרוקטיווע און פאַרלעסלעכע הילפס־אינסטיטוציעס און באַוועגונגען וואָס העלפן דעם דעם קראַנקן און דעם ליידענדן ווי אַן אייגענעם, ווי אַ ברודער און שוועסטער.

מיר קענען זיך, ווי דו ווייסט, שוין אַ סך יאָרן. אונדזער ערשטע באַגעגעניש איז געווען אַ באַגעגעניש פון בלוטיקע דם־שונאים. דו האָסט מיך געזוכט צו באַזייטיקן, האָב איך זיך ניט געלאָזט. אויסגעלאָזן אָבער האָט זיך:— מיר זיינען געוואָרן גוטע פריינד און האָבן זייט ביי זייט געאַרבעט פאַר די זעלבע באַוועגונגען און פאַר די זעלבע צוועקן, פריער אין אידישן אַרבעטער קאָמיטעט און לעצטנס — פאַרן הסתדרות העובדים אין ארץ־ישראל, ווי אויך פאַר דעם סאַניטאַריום און מעדיצינישן צענטער און אַנדערע אידישע אינסטיטוציעס אין לאָס אַנדזשעלעס. ווינטש איך אַז אונדזער פריינדשאַפט זאָל אויך אויף ווייטער פאַרגעזעצט ווערן, סיי פערזענלעך און סיי געזעלשאַפטלעך.

איצט איז ליידער אַזאַ צייט ווען איין מענטש צום אַנדערן איז ווי אַ וואָלף — גרייט צו פאַרציקן. עס איז גרינגער צו טראַכטן אַלס דאָס בייז אויף יענעם, ווי צו טראַכטן גוטס. עס איז שוין אַ צווייטע נאַטור צו באַמערקן דאָס שלעכטע אין יענעם ווי דאָס גוטע. און עס איז דאַכט זיך ניטאָ קיין מענטש, פונקט ווי עס איז ניטאָ אַ באַוועגונג וואו עס זאָל זיין כולו־טוב. וואו עס איז דאָ זונענשיין, איז אויך דאָ שאָטן. אַנדערש גיט עס ניט. איז יעדן מאָל ווען עס פאַלט אַמאָל אַריין אַ צווייפל, זאָל דאָס גוטע גובר זיין דאָס שלעכטע.

